

# פארמיידן ראטן אויף
# אייער פּראפּערטי

## אן אנווייזונג ביכל פאר פּראפּערטי
## אייגנטימער און מענעדזשערס



NYC Health

# אינהאלט

**נעמט אקטיווע שריט קעגן ראטן** ............ **2**

**וויאזוי די NYC העלט דעפּארטמענט מאכט אינספעקציעס פאר ראטן** ............ **3**

**וויאזוי צו קאנטראלירן ראטן** ............ **4**

זוכט פאר שפורן פון ראטן ............ **4**

רייניגט אויף ............ **6**

הונגערט אויס ראטן ............ **7**

האלט ראטן ארויס ............ **9**

געציהלטע פארטרייבונג ............ **12**

**אויסוועהלן און ארבעטן מיט א פּעסט קאנטראל פירמע** ............ **15**

# נעמט אקטיוועט שריט קעגן ראטן

**ראטן קענען שעדיגן פראפערטי, פארפעסטיגן עסנווארג, פארשפרייטן קרענק און אראפנידערן די קוואליטעט פון לעבן אין אייער געגנט. איר און אייערע שכנים קענען פארמינערן די ראטן זיך ארומדרייענדיג אין אייער געגנט דורכן אוועקנעמען די זאכן וואס ראטן דארפן צו קענען איבערלעבן: עסנווארג, וואסער, א שוץ ארט און וועגן צו ארומגיין.**

אויב איר האט ראטן אויף אייער פראפערטי, אדער אויב איר האט באקומען א מעלדונג פון די קאמישאנער פון די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (NYC העלט דעפארטמענט) וואס זאגט אז איר האט ראטן אויף אייער פראפערטי:

1. פאלגט נאך די אנווייזונג ביכל און נעמט אויף א פעסט קאנטראל פירמע.
2. ווייזט די אנווייזונג ביכל פאר די פעסט קאנטראל פירמע און בעט זיי זיך צו באנוצן דערמיט.
3. טיילט מיט די אנווייזונג ביכל מיט אייערע שכנים, טענאנטס און פראפערטי מענעדזשערס. רופט **311** צו באשטעלן נאך קאפיעס.

# וויאזוי די NYC העלט דעפּארטמענט מאכט אינספעקציעס פאר ראטן

די NYC העלט דעפּארטמענט מאכט אינספעקציעס אויף פריוואטע און פובליק פראפערטיס פאר ראטן. פּראפערטי אייגנטימער מוזן האלטן זייערע פראפערטיס פריי פון ראטן לויט דעם געזעץ. אויב די אייגנטימער ערפילן נישט זייער פליכט, קענען טענאנטס אנרופן **311**, און די NYC העלט דעפּארטמענט וועט שיקן אן אינספעקטאר צו די פראפערטי. די NYC העלט דעפּארטמענט פירט אויך דורך רוטינע אינספעקציעס אויף פּראפערטיס אין געגנטער ארום NYC צו פארמיידן פראבלעמען פאר זיי קומען ארויף. א פּראפּערטי וועט דורכפאלן די אינספעקציע אויב סיי וועלכע פון די פאלגנדע זאכן ווערן געפונען:

- לעבעדיגע ראטן
- ראט אפפאל
- גרובער וואו ראטן וואוינען
- צייכענעס פון ביסן פון ראטן ציינער
- שפורן אדער וועגן פון ראטן, ווי צום ביישפיל סימנים וואס זייער האר לאזט איבער אדער אויסגעגלאטע וועגן פירנדיג צו גרובער
- אסאך אנגעהויפנטע מיסט אדער צעווארפענע חפצים וואס גיבט פאר ראטן א פלאץ זיך צו באהאלטן

פראפערטי אייגנטימער וואס פאלן דורך אן אינספעקציע וועלן באקומען א מעלדונג פון דעם קאמישאנער און א קאפיע פון די אינספעקציע באריכט אין די פאסט. די NYC העלט דעפּארטמענט וועט מאכן נאך אן אינספעקציע נאכן גיבן צייט פאר דעם אייגנטומער צו אדרעסירן די פראבלעמען. אויב די פראפערטי פאלט דורך א צווייטע אינספעקציע, וועט דער אייגנטומער מעגליך באקומען אן איינלאדענונג צום געריכט (סאַמאנס) וואס קען פירן צו קנסות. געוואנדן אויף ווי ערנסט די פראבלעמען זענען, וועט די NYC העלט דעפּארטמענט מעגליך באשפריצן די פּראפּערטי מיט כעמיקאלן וואס הרג'נען קליינע קריכעדיגע חיות און איינמאנען באצאלונג פון דעם אייגנטומער.

# וויאזוי צו קאנטראלירן ראטן

**ראטן זענען דאס מערסטע אקטיוו ביינאכט. זוכט פאר זיי נאך זון אונטערגאנג צו אויסגעפונען וואו זיי גייען צו טרעפן עסנווארג. ווען עס ווערט ליכטיג אינדרויסן, קוקט פאר סימנים פון ראטן, אריינרעכנענדיג:**




1. **ביס סימנים** אויף האלצערנע זאכן (ווי די אונטערשטע חלק פון טירן און טרעפ), די עקן פון די געביידע און פלאסטישע חפצים (ווי מיסט קאסטנס, זעקלעך און בלומען טעפ)
2. **ראט אפפאל** וואס איז אנדערש אין גרויסקייט און צורה פון מויז אפפאל — בערך די גרויסקייט פון א רוזשינקע, טונקל ברוין און ווערט אפט געפונען נאענט צו מיסט
3. ,4. **אויסגעגלעטע וועגן** און **שפורן** לענגאויס גראז און ווענט
5. **גרובער:** לעכער אין זאמד אדער צעמענט 1 ביז 4 אינטשעס גרויס, מיט גלאטע עקן, אפט מיט אן ארייננגאנג און ארויסגאנג און אפט געפונען אונטער קליינע ביימער, פלאנצונגען, אנגעהויפנטע חפצים אדער מיסט

**צו קאנטראלירן ראטן, דארפט איר אוועקנעמען אלעס וואס זיי דארפן צו קענען איבערלעבן: עסנווארג, וואסער, א שוץ ארט און וועגן צו ארומגיין.**



## וואשט אוועק ראט אפפאל, מי רגליים און שפורן פון די ראטן האר

**ראטן קאמוניקירן און ציהען צו איינע דעם אנדערן דורך זייער מי רגליים און אפפאל. אויפרייניגן וועט אפהאקן זייער קאמוניקאציע.**



- נעמט אוועק אפפאל און טונקעלע, פעטיגע שפורן, רייניגט אויף די פלאץ און וואשט עס מיט וואסער און א מילדע בליטש געמיש (1 טייל בליטש און 10 טיילן וואסער).
- רייניגט אויף פעטיגע עסנווארג פלעקן און פליסיגקייטן.
- נעמט אוועק ראט אפפאל אינדרויסן נוצנדיג א וואקיום מיט א HEPA פילטער. פארמאכט גוט די וואקיום זעקל אין פלאסטיק אוןווארפט עס ארויס צוזאמען מיט אייער געוועגטליכע מיסט.
- האט אייביג אן הענטשוך בשעת איר רייניגט און וואשט אייערע הענט נאכן ענדיגן.

## ווערט פטור פון אנגעהויפנטע חפצים

**אנגעהויפנטע חפצים גיבן פאר ראטן פילע פלעצער זיך צו באהאלטן, שלאפן, מאכן א נעסט און זיך פארמערן.**

- נעמט צוזאם און ריסייקלט הויפענעס פון צייטונגען, פאפירענע זעקלעך, קארדבאורד און באטלעך.
- רייניגט אויס אייער קעלער, סטארעדזש צימערן און הויף.
- לייגט אוועק חפצים אוועקגערוקט פון די ווענט און אויף א שעלף א.ד.ג. און נישט אויף די ערד.

## האלט ווילדע גראזן און קליינע ביימער אונטער קאנטראל

**ראטן גראבן אפט אונטער געדיכטע קליינע ביימער און פלאנצונגען. קוקט אפט איבער אייער גארטן פאר שפורן פון ראטן.**



- האלט גרינע שטחים פריי פון ווילדע גראז, אנגעהויפנטע חפצים און מיסט.
- מאכט פלאץ צווישן פלאנצונגען. פארמיידט געדיכטע, נידעריגע פלאנצונגען.
- האלט הויכע גראז און קליינע ביימער אוועק פון די פונדאמענט פון די געביידע. לייגט ארום קליינע שטיינדלעך אדער האלצערנע טשיפּס ארום די געביידע און צוים.
- נעמט אוועק געדיכטע פלאנצונגען ארום גרובער.
- האט אייביג אן ענטשוך בשעת איר ארבעט אין אייער גארטן און וואשט אייערע הענט נאכן ענדיגן.

## הונגערט אויס ראטן

**ראטן דארפן נאר 1 אונץ פון וואסער און 1 אונץ פון עסנווארג יעדן טאג. נעמט אוועק סיי וועלכע אנגעזאמלטע וואסער און לאזט נישט אייער מיסט ווערן זייער עסן.**

### גיבט זיך אפ מיט אייער מיסט

- נוצט הארטע פלאסטישע אדער מעטאלענע מיסט קאסטנס מיט דעקלעך וואס מאכן זיך גוט צו אן קיין שפאלטן אדער לעכער.
- מאכט זיכער אז איר האט גענוג מיסט קאסטנס צו האלטן אלע מיסט צווישן די צייטן ווען עס ווערט אפגענומען. רייניגט אפט אויס די קאסטנס פון אינעווייניג און אינדרויסן.

- לייגט נאר ארויס די מיסט קאסטנס אויף די זייט פון די שאסיי ווי נאענטער צו די צייט ווען עס ווערט אפגענומען ווי מעגליך.
- לייגט קיינמאל נישט מיסט אין די טראטואר לעכער ארום ביימער אדער אויף אומאויסגעפלאסטערטע ערד.
- שווענקט אויס מיסט וואס קען ריסייקלט ווערן בעפארן זיי ארייינלייגן אין די ריסייקלינג קאסטנס.
- מוטיגט טענאנטס צו ארייינלייגן מיסט אין די פאסיגע קאסטנס.
- נעמט אין באטראכט צו באשטעלן אז אייערע מיסט וואס קען גענוצט ווערן צו באמיסטיגן פלאנצונגען (קאמפאוסט) זאלן אפגענומען ווערן.

## האלט עסנווארג אוועק

- האלט אלע עסנווארג אין גוט פארמאכטע האלטערס. האלט זיך צוריק פון אוועקלייגן עסנווארג (ארייינרעכענענדיג עסנווארג פאר שטוב חיות) אינדרויסן.
- לייגט נישט ארויס עסנווארג פאר ווילדע קעץ, פויגלעך אדער וועווערקעס (מויקאש) ווייל זיי קענען צוציהען און פיטערן ראטן אנשטאט.
- נעמט אוועק סיי וועלכע אנגעזאמלטע וואסער.



## האלט ראטן ארויס

ראטן קייען דורך לעכער אין געביידעס און קענען זיך אריבערקוועטשן שפאלטנס און לעכער אזוי קליין ווי א האלבע אינטש. צו האלטן ראטן ארויס, פארשטאפט גוט אלע לעכער און שפאלטנס אין די פונדאמענט, ווענט און ערד פון די געביידע. פארמאכט פלעצער אונטער טירן און ארום פענסטער. רוב פאררעכטונגען קענען געמאכט ווערן דורך געביידע אויפהאלטונג איינגעשטעלטע, געביידע פארוואלטער אדער פעסט קאנטראל פראפעסיאנאלן. געצייג צו ארויסהאלטן קריכעדיגע חיות זענען נישט טייער און צו באקומען ביי רוב הארדוועיר געשעפטן.

נעמט אויף א לייסענסירטע פעסט קאנטראל פראפעסיאנאל זיך צו אפגעבן מיט אייער געביידע אויב איר האט ראטן. אבער, אויב מעגליך, איז דאס בעסטע צו פארמיידן ראטן פון בכלל אנקומען אין אייער געביידע.





## פארשטאפט גוט שפאלטנס און קליינע לעכער

- פארשטאפט גוט שפאלטנס און קליינע לעכער נוצנדיג א 1A polyurethane מאטעריאל וואס איז געמאכט פאר באנוץ אין קאנסטרוקציע אדער צעמענט וואס איז געמאכט צו פארשטאפן לעכער אין דעכער. האלט זיך צוריק פון נוצן ביליגע פארשטאפונג מאטעריאלן וואס זענען געמאכט פאר קליינע פאררעכטונגען, אזוי ווי זיי זענען נישט גענוג שטארק צו פארמיידן ראטן.
- פארמאכט די שפאלט אונטער טירן דורכן ארויפלייגן א מעטאלענע ראם (סוויפ) וואס קען צוריקהאלטן קריכעדיגע חיות. די הייעך צווישן די אונטן פון די טיר און די ערד זאל זיין ווייניגער פון א פערטל אינטש.
- פארמאכט שפאלטן וואס זענען גרעסער פון א האלבע אינטש ארום די פענסטער ראמען אויף די אונטערשטע שטאק און אין די קעלער מיט מעטאלענע 'פלעשינג'.
- לייגט ארויף סקרינס אויף ווענט לעכער, באזונדערס אויף די אונטערשטע שטאקן.



## פילט אן גרויסע שפאלטן און לעכער

**די וועג צו פארמאכן גרויסע שפאלטן און לעכער ווענדט זיך אויף די בוי מאטעריאל פון די געביידע און אויף וויפיל ליידיגע פלאץ עס איז דא אויף די אנדערע זייט פון די לאך.**

- צו פארמאכן א גרויסע לאך, פילט עס קודם אן מיט פאָום פון א קען וואס איז זייער געדיכט און וואס ווערט גרעסער נאך מען גיסט עס, אדער לייגט אריין א מעטאלענע נעץ דערין. דערנאך לייגט ארויף 1A polyurethane פארשטאפונג מאטעריאל וואס איז געמאכט פאר באנוץ אין קאנסטרוקציע, גרייט-אויסגעמישטע צעמענט פעטשעס אדער אויסגעמישטע ליים (מארטאר).

— אויב איר נוצט א מעטאלענע נעץ, מוז עס זיין געמאכט פון שטארקע זינק-באדעקטע אייזן (גאַלוואנייזד סטיל) מיט א דיקקייט פון 16 געידזש מיט לעכער וואס זענען א האלבע אינטש אויף א האלבע אינטש. נוצט קיינמאל נישט א דראטן נעץ וואס ווערט גענוצט פאר א הינדל שטייג, אזוי ווי ראטן קענען זיך דורכקוועטשן די לעכער.

- דעקט איבער וואסער אפלויף לעכער (דרעינס) און ווענטס מיט א שטארקע מעטאלענע סקרין, פארזיכערט אין פלאץ דורך נעגל וואס זענען געמאכט פאר ציגל אדער דורך צעמענט.



- נוצט ראמען אויף די טירן וואס האלטן ארויס קריכעדיגע חיות צו האלטן די הייעך צווישן די אונטן פון די טיר און די ערד קלענער פון א פערטל אינטש. נוצט נישט ראמען וואס זענען געמאכט פון ווייניל, אזוי ווי די ראמען זענען געמאכט צו פארמיידן קילע אדער ווארעמע לופט פון אריבערגיין, נישט ראטן.



- פארשטאפט גוט לעכער ארום רערן און דראטן וואס גייען אריין אין די פונדאמענט אדער דרויסנדיגע וואנט נוצנדיג א מעטאלענע ראם ('עסקאָטשען פלעיטס' אדער 'פייפ קאַלערס'). א מעטאלענע ראם קען צוגעקלעבט ווערן צו די וואנט נוצנדיג 1A polyurethane פארשטאפונג מאטעריאל וואס איז געמאכט פאר באנוץ אין קאנסטרוקציע. קוקט רעגלמעסיג איבער רערן צו זיכער מאכן אז זיי האבן נישט קיין לעכער.
- אויב ראטן זענען גאר אקטיוו ארום אייער פראפערטי, ארבעט מיט א פראפעסיאנאל צו אינסטאלירן:
  - א דינע בלעך ארויפגעלייגט אויף די אונטערשטע חלק פון די דרויסנדיגע זייט פון די טיר צו פארמיידן ראטן פון אריבערקייען די האלץ און אריינגיין פון אונטן
  - א שוועל געמאכט פון שטארקע מעטאל מיט רונדעכיגע עקן (סעדל) אונטער טירן, זיכער מאכנדיג אז זיי פילן גוט אן די שפאלט אבער אז די טיר קען נאכאלץ געעפנט און פארמאכט ווערן גלאטערהייט



## פארשטאפט פארלאזטע גרובער

**פארלאזטע גרובער ווערן אפט האבן בלעטלעך, שפין געוועב אדער אנדערע שמוץ ארום די ארייננאנג. פארשטאפט די גרובער, ווייל זיי ווערן צוציהען ראטן און אנדערע קריכעדיגע חיות מיט די צייט.**








- פארשטאפט גרובער אין די ערד דורכן זיי אנפילן מיט זאמד אדער שטיינדלעך און עס שטארק ארייננשטופן מיט א שאוועל, שטארק אראפטרעטן מיט די פיס אדער עס צעווארפן מיט א שאוועל.
- פארשטאפט גרובער אין צושפאלטענע אדער צובראכענע טראטוארן דורכן זיי אנפילן מיט מעטאלענע נעצן פון 'סטעינלעס סטיל' וואס האלטן ארויס קריכעדיגע חיות. דערנאך דעקט עס איבער מיט גוט אויסגעמישטע צעמענט.

## געציהלטע פארטרייבונג

**עס זענען דא פילע וועגן צו פארטרייבן ראטן. ארבעט מיט א פעסט קאנטראל פראפעסיאנאל צו טרעפן די אפציע וואס ארבעט דאס בעסטע פאר אייך און אייער פראפערטי.**

## בעיט (גיפטיגע עסנווארג) פאר קריכעדיגע חיות

**ארויסלייגן בעיט איז א ווירקזאמע וועג צו עלימינירן ראטן. אויב איר זענט דער אייגנטומער פון א קאמערציעלע פראפערטי אדער א פראפערטי מיט מערערע יוניטס, איז דאס אומלעגאל צו אליין ארומלייגן בעיט — איר מוזט אויפנעמען א פעסט קאנטראל פראפעסיאנאל דערפאר. אויב איר וואוינט אין אייער אייגענע היים אן טענאנטס, קענט איר אליין לייגן בעיט פאר קריכעדיגע חיות. לייענט אייביג די מעניופעקטשורער'ס לעיבעל און פאלגט אויס די אנווייזונגען דערויף זיך צו פארמיידן פון שעדיגן זיך אליין, אנדערע און שטוב חיות.**

**מאכט זיכער אז אייער פעסט קאנטראל פירמע פאלגט אויס די פאלגנדע כללים:**

- לייענט אייביג די מעניופעקטשורער'ס לעיבעל און פאלגט אויס די אנווייזונגען דערויף, און נוצט די קלענסטע ווירקזאמע מאס פון די בעיט.
- נוצט דיספאוזעבעל הענטשוך ווען איר באנעמט זיך מיט די בעיט און וואשט אייערע הענט דערנאך.







- נוצט פארזיכערטע בלאקס (הארטע שטיקער אדער קליינע 'טיי זעקלעך' פון בעיט אינעווייניג אין בעיט סטאנציעס וואס מאכן זיכער אז קינדער און אנדערע חיות זאלן נישט קענען אנרירן די גיפטיגע בעיט. **פארשפרייט נישט בעיט סתם אזוי און נוצט נישט פעקלעך אדער בעיט וואס איז נישט א שטיק אדער אין א זעקל.** בעיט זאל אייביג אריינגעלייגט ווערן אין די פלאץ וואס איז געמאכט דערפאר — נישט אין די וועג אריין אדער ביי די אריינגאנג לאך פון די בעיט סטאנציע. פארזיכערט אדער באהעפט בעיט סטאנציעס צו די ערד אדער צום נוצנדיג צעמענט, פארשטאפונג מאטעריאל אדער דראטן.
- פארשפארט זיכערערהייט די דעקלעך פון די בעיט סטאנציעס אדער פארמאכט זיי אינגאנצן. בעיט פאר קריכעדיגע חיות מוז ליגן אין שטארקע בעיט סטאנציעס וואס פארזיכערן אז קינדער און אנדערע חיות זאלן נישט קענען אנרירן די בעיט און וואס זענען באשטעטיגט דורך די ענווייראמענטאלע באשיצונג אגענטור (Environmental Protection Agency, EPA).
- לייגט בעיט סטאנציעס אויף וועגן וואו ראטן גייען געווענטליך אריבער.
- נוצט א טראכטער (פאַנעל) צו אריינגיסן בעיט וואס קומט אין קליינע שטיקלעך אינעווייניג אין גרובער. דאס וועט העלפן זיכער מאכן אז די שטיקלעך גייען אריין טיף אינעווייניג אין די גרוב כדי די ראטן זאלן עס נישט קענען ארויסשטופן. בלאקס און קליינע 'טיי זעקלעך' פון בעיט טארן נישט אריינגעלייגט ווערן אונטער די ערד.

— לייגט קיינמאל נישט אריין בעיט אין א פעקל און אריין אין גרובער אדער סטאנציעס. ראטן קענען עס ארויסשטופן אדער ארויסטראגן וואו ווילדע באשעפענישן, קינדער אדער שטוב חיות קענען אנקומען דערצו.

- **רייניגט אייביג אויף מיסט און אנדערע עסנווארג מקורות. ראטן וועלן איגנארירן די בעיט אויב זיי קענען באקומען זייער נארמאלע עסנווארג.**
- לייגט אוועק און לייגט אראפ בעיט סטאנציעס וואו קינדער און שטוב חיות קענען נישט צוקומען דערצו.
- נוצט קיינמאל נישט א פראדוקט וואס האט נישט אן EPA רעגיסטראציע נומער. איר קענט זעהן די רעגיסטראציע סטאטוס פון א פראדוקט אויף **epa.gov**.
- ערזעצט די בעיט נאך עס איז אויפגעגעסן אדער געשעדיגט געווארן.
- לאזט בעיט סטאנציעס און בעיט אין פלאץ פאר צום ווייניגסטנס צוויי וואכן נאך עס זענען שוין נישטא קיין שפורן פון ראטן, און דערנאך קוקט חודש'ליך איבער די פלאץ.
- נוצט נאר 'טרעקינג פוידער' (פוידער וואס קלעבט זיך אן אויף די ראט'ס האר) אין פלעצער וואו מענטשן אדער אנדערע חיות וועלן נישט אויסגעשטעלט ווערן דערצו.

## אנדערע פארטרייבונג מעטאדן



- **טרעפס:** עס זענען דא פילע טרעפס וואס קענען געקויפט ווערן. טרעפס זאלן געלייגט ווערן לענגאויס די ווענט וואו די ראטן גייען אריבער, זיי זאלן נאכגעפאלגט ווערן צו זעהן אויב א חיה איז אריינגעכאפט געווארן און איבערגענוצט ווערן. טרעפס וועלן נישט זיין אפעקטיוו אויב די עסנווארג מקורות ווערן נישט אוועקגענומען.
- **קארבאן דייקסייד און קארבאן מאנאקסייד:** די פארטרייבונג מיטלען קענען גענוצט ווערן אין איינגעפלאנצטע פלעצער און גערטנער פאר גרובער אין נישט אויסגעפלאסטערטע ערד אוועק פון סטרוקטורן. זיי האבן א מעלה אז עס פארקלענערט די אויסזיכטן פון פארגיפטיגן אנדערע באשעפענישן און זענען ווייניגער שעדליך פאר די סביבה ווי אנדערע סארטן פארטרייבונג מיטלען.

פאר מער אינפארמאציע איבער פעסטיסיידס, רופט די נאציאנאלע פעסטיסייד צענטער (National Pesticide Information Center) אויף 800-858-7378.

אויב איר, איינער אנדערש אדער א שטוב חיה ווערט אויסגעשטעלט צו ראטן בעיט, רופט די NYC גיפט צענטער (NYC Poison Center) אויף 212-764-7667.

## אויסוועהלן און ארבעטן מיט א פעסט קאנטראל פירמע

**נאר פראפעסיאנאלן וואס האבן א לייסענס פון ניו יארק סטעיט (New York State, NYS) מעגן שפריצן פעסטיסיידס אין קאמערציעלע געביידעס און געביידעס מיט מערערע יוניטס און אין עפנטליכע ערטער אין ניו יארק. עס זענען דא מער פון 1,000 פעסט קאנטראל פירמעס און 3,500 לייסענסירטע פעסט קאנטראל פראפעסיאנאלן אין די NYC געגנט, אבער נישט אלע זענען גוט טרעניררט מיטן קאנטראלירן ראטן. צו פטור ווערן פון ראטן, מוזט איר אויסוועהלן די ריכטיגע פירמע, זיין קלאר איבער וואס איר ווילט אז זיי זאלן טוהן און האלטן אן אפענע אויג אויף זייער ארבעט.**

### וויאזוי צו טרעפן די ריכטיגע פירמע

**פרעגט זיך ארום און פרעגט אויס פירמעס**

- בעט אייערע שכנים און פריינט אייך צו גיבן די קאנטאקט אינפארמאציע פון א פירמע וואס זיי קענען. אויב אייער געביידע האט ראטן, קענען ארומיגע געביידעס אויך האבן. נעמט אין באטראכט צו ארבעטן מיט אייערע שכנים צו אויפנעמען די זעלבע פעסט קאנטראל פירמע.
- זוכט אויף די אינטערנעט פאר 'אינטעגרעיטעד פעסט מענעדזשמענט' סערוויסעס. די פירמעס זענען מער ווארשיינליך צו אינספעקטירן, נאכפאלגן און מאכן רעקאמענדאציעס און פאררעכטונגען.
- פרעגט אויס פירמעס. בעט זיי פאר מענטשן וואס קענען זיי רעקאמענדירן, אריינרעכנענדיג פאריגע קליענטן.

- מאכט זיכער אז די פירמע האט א לייסענס פון די NYS דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation). צו זעהן איוב זיי האבן א לייסענס, באזוכט **dec.ny.gov** און זוכט פאר **"pesticides management" (פעסטיסיידס מענעדזשמענט)**.

**א גוטע פירמע וועט:**

- אינספעקטירן אייער פראפערטי בעפארן אייך פארשלאגן א פרייז. נעמט נישט אן א פארשלאג אן דעם וואס די פירמע זעהט פארדעם אייער פראפערטי.
- אייך גיבן א געשריבענע אינספעקציע באריכט (מיט אינפארמאציע איבער אקטיוויטעט פון קריכעדיגע חיות, געביידע אומשטענדן אדער פראבלעמען וואס דארפן פאררעכטונגען) און א פלאן פאר שריט (מיט צייטן ווי לאנג עס וועט נעמען און א שילדערונג פון די פראדוקטן וואס זיי וועלן נוצן). די פירמע זאל אייך זאגן וואס איר קענט ערווארטן און וויאזוי צו ארבעטן מיט זיי אויפן בעסטן פארנעם.
- באזירן זייער פרייז פארשלאג לויט די אינספעקציע געפינסן און נישט גיבן א קביעות'דיגע פרייז. די ביליגסטע סערוויסעס זענען מעגליך נישט די בעסטע — איר וועט מעגליך באצאלן מער איבער די צייט אויב די סערוויסעס זענען נישט ווירקזאם.
- אייך גיבן פארבינדונג אינפארמאציע פון אנדערע פירמעס פאר פאררעכטונגען, אויב עס פעלט זיך אויס.
- נוצן פארשידענע פראדוקטן און מעטאדן צו עלימינירן אייער פעסט פראבלעם.
- באזוכן אפט ביז די ארבעט איז פארטיג. פארטרייבונג פראגראמען נעמען געוועגטליך עטליכע באזוכן צו דורכפירן.
- ארייגלייגן בעיט אין האלטערס וואס פארזיכערן אז קינדער און אנדערע חיות זאלן נישט קענען אנרירן די בעיט און פאלגן אויס אלע זיכערהייט רעגולאציעס.
- האבן קוואליפיצירטע, גוט טרענירטע עקסטערמינעיטארס ארבעטנדיג פאר זיי.
- לערנען אייך אויס וויאזוי צו פארמיידן ראטן.

## ארבעטן צוזאמען

די בעסטע לאנג-טערמיניגע ראטן פארמיידונג פראגראמען פארלאנגען גוטע צוזאמענארבעט וואס קען אייך העלפן פארשטיין וועלכע פארערכטונגען פעלן אויס און באריכטן סימנים פון ראטן איבער די צייט:

- האלט אן אויג אויף אייער פּעסט קאנטראל פראפעסיאנאל דורכאויס יעדע באזוך, האלט חשבון פון זייער ארבעט און פרעגט זיי פראגן.
- שטימט איין אויף א סערוויס פלאן און קאסטן.
- בעט אייער פּעסט קאנטראל פראפעסיאנאל פאר פארשריט באריכטן, קאפיעס פון רעקארדס איבער פארטרייבונג ארבעט און סיי וועלכע אנדערע זארגן וואס זיי האבן.
- פארבינדט זיך מיט די פירמעס וואו זיי שיקן אייך פאר ווייטערע סערוויסעס און הערט זיך איין צו זייערע רעקאמענדאציעס.

צו לערנען מער און זעהן אינספעקציע געפינסן אויף
אונזער אינטעראקטיווע ראטן מאפע, באזוכט די ראטן
אינפארמאציע פארטאל אויף **nyc.gov/rats**.
איר קענט אויך שיקן אן אימעיל צו
**ratportal@health.nyc.gov** אדער רופן
**311** פאר אינפארמאציע. זיך צו רעגיסטרירן פאר
א קלאס וויאזוי צו פארמיידן ראטן, באזוכט
**nyc.gov/health** און זוכט
**"rat academy" (ראט אקאדעמיע)** אדער
סקענט די QR קאָוד.

EHS6356051 - 4.24 Yiddish